

# קובץ הכנה

לה׳ הארץ ומלואה

## די חוברת געהערט צו:

______________________________

## בית ספר

______________________________

## מיר ווילן משיח יעצט!

לע״נ הילדה **מנוחה רחל** ע״ה בת הרה״ת ר׳ יצחק יהודה שיחי׳ **בוימגארטן**
נפטרה ט״ז אייר תשנ״ז

A Project of

# אריינפיר

דער רֶבִּי הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶועןֶ יֶעדְן אִידְן. בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי פִּיל גֶעגֶעבְּן צוּ אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן: צוּ זַיְינֶע חֲסִידִים, גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי מַתָּנוֹת וֶועלְכֶע דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן זַיְינֶען אַזוֹי טַיְיעֶר וַוִיְיל זֵיי קֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן פַארְגֶעסְן וֶוערְן. דִי מַתָּנוֹת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי׳ן וֶועלְן אוּנְז אֵייבִּיג פַארְשְׁטַארְקְן אוּן פַארְבֶּעסֶערְן.



שְׁטֵייעֶנְדִיק הַיְינְט,
דַארְפְן מִיר זִיךְ
אַרַיְינְטְרַאכְטְן ״וָואס פַאר
אַ מַתָּנָה ווִיל דֶער רֶבִּי
פוּן אוּנְז״

# יחידות



יְחִידוּת אִיז אַ צַיְיט וֶוען דֶער חָסִיד גֵייט אַרַיְין פְּרִיוואַטֶערְהֵייט צוּם רֶבִּי'ן. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיקֶע אוּן עֶרְנְסְטֶע צַיְיט וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דֶעם אֵיינְצִיקְן מֶענְטְשְׁן... אוּן דֶער חָסִיד הָאט דִי גֶעלֶעגְנְהַיְיט צוּ פְּרֶעגְן אוּן בֶּעטְן בַּיְים רֶבִּי'ן אַלְץ וואָס עֶר דַארְף.

אַ חָסִיד גְרֵייט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף אַרַיְינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף יְחִידוּת. אֲפִילוּ אוֹיף אַ סַאךְ יָארְן נָאךְ אַ יְחִידוּת גֶעדֶענְקֶען חֲסִידִים יֶעדֶער זַאךְ וואָס אִיז גֶעטְרָאפְן אוּן יֶעדֶער וואָרְט וואָס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט.

# דאלארן



אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוואָלְט אַרַייְנְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף יְחִידוּת אַז עֶס אִיז גֶעווֶען אוּמְמֶעגְלֶעךְ אַז יֶעדֶערֶער זָאל קֶענֶען אַרַייְנְגֵיין.

זוּנְטִיג י"א נִיסָן תשמ"ו, דֶעם רֶבִּי'נְס פִיר און אַכְצִיקְסְטֶער יוֹם הוּלֶדֶת, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן טֵיילְן דָאלַארְן אוֹיף צְדָקָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע בְּרָכָה צוּ יֶעדֶערְן וואָס אִיז אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען. בִּכְלַל הָאט מֶען פַאר זִיךְ גֶעהַאלְטְן דִי דָאלַארְן וואָס מְ'הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן און גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערְן אוֹיף צְדָקָה.

פוּן דַאמָאלְסְט אָן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען יֶעדֶער זוּנְטִיק און הָאט גֶעטֵיילְט דָאלַארְן און בְּרָכוֹת צוּ טוֹיזְנְטֶער מֶענֶער, פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער וואָס זַיְינֶען גֶעקוּמֶען זֶען דֶעם רֶבִּי'ן. צְווִישְׁן זֵיי זַיְינֶען גֶעווֶען חֲסִידִים און אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע אִידְן וואָס נָאךְ נִישְׁט זַיְינֶען חֲסִידִים, אַ טֵייל זַיְינֶען אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעווֶען אִידְן. גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אַקוּרְצֶע פְרַאגֶע בַּיים רֶבִּי'ן, אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן בְּרָכוֹת אוֹיף גֶעזוּנְט און קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּ אַלֶעמֶען צוּגֶעהֶערְט, גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעגֶעבְּן בְּרָכוֹת.

# מכתבים (בריוו)



יעדְן טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי
פָּאסְט פִּיל זֶעק פוּל מִיט בְּרִיוו וֶועלְכֶע
מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּי׳ן.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִין דִי בְּרִיוו
גֶעפְרֶעגְט בַּיי דֶעם רֶבִּי׳ן אַלֶערְלַיי שְׁאֵלוֹת.

זַיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן בַּיְים רֶבִּי׳ן
בְּרָכוֹת אוֹיף חֲתוּנָּה,
שְׁלִיחוּת אוּן גֶעזוּנְט -
גֶעוִויס בְּרִיוו זַיְינֶען
גֶעוֶוען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן הִילְף,
אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן צוּם רֶבִּי׳ן בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת וֶועגְן דִי גֶעבּוּרְט פוּן אַ קִינְד, אַ אִיד וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן תְּפִילִּין אָדֶער אַז אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אָדֶער מֵיידְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצִינְדְן שַׁבָּת לִיכְט אוּן פִּיל אַנְדֶערֶע בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת.

עֶס הָאט גֶענוּמֶען פִּיל שָׁעוֹת אַדוּרְכְצוּלֵיינֶען דִי בְּרִיוו, זַיי צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן.

אַ בְּרִיף פוּן רֶבִּי׳ן אִיז זֵייעֶר טַיְיעֶר.

# אזכיר על הציון



זייער אָפְּט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַ בְּרִיף "אַזְכִּיר עַל הַצִּיּוּן".

דָאס מֵיינְט, דֶער רֶבִּי וֶועט מִיטְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיף אוּן דֶערְמָאנֶען דִי בַּקָשָׁה אוֹיפְן אֹהֶל פוּן דֶעם פְרִיעֶרְדִיקְן רֶבִּי'ן נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן.

פִיל שָׁעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען בַּיְים אֹהֶל אוּן הָאט גֶעדַאוְונְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַ סַאךְ מָאל מִיט אַ גֶעוויין.

צוּרִיקְקוּמֶענְדִיק פוּן אֹהֶל הָאט דֶער רֶבִּי - אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיקֶע יָארְן - אָפְּט גֶערֶעדְט אַ שִׂיחָה אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיסְגֶעטֵיילְט דָאלַארְן.

אֵיינִיקֶע מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעטֵיילְט גֶעווִיסֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים צוּ דִי חֲסִידִים... שְׁטֵייעֶנְדִיק לַאנְגֶע שָׁעוֹת בִּיז שְׁפֶּעט בַּיְינַאכְט נָאךְ פַאר דֶעם וָואס עֶר הָאט עֶפֶּעס פַארְזוּכְט.

(פַאר דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן אוֹיפְן אֹהֶל הָאט עֶר אָנְגֶעטָאן דִי זַיְידֶענֶע קַאפָּאטֶע, אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן הָאט עֶפֶּעס גֶעטְרוּנְקֶען - אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן יֶענֶעם טָאג.)

# כוס של ברכה



ווֶען דער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיקְט פַארְבְּרֵיינְגֶען פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פִינְסְטֶער אִינְדְרוֹיסְן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט הַבְדָּלָה. פוּן דִי וַויְין וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אִין בֶּעכֶער הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְנָאךְ גֶעטֵיילְט כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה צוּ יֶעדֶער חָסִיד וָואס אִיז פַארְבַּייגֶעגַאנְגֶען.

יֶעדֶער מָאל וָואס דִי וַויְין אִין בֶּעכֶער הָאט זִיךְ כִּמְעַט אוֹיסְגֶעלֵיידִיקְט הָאט מֶען אִיר נָאכְאַמָאל אָנְגֶעפִילְט. הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן זַיְינֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ לַאנְגֶער רַיי (שׁוּרָה) וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע שׁוּל. טַאטֶעס הָאבְּן מִיטְגֶעבְּרַאכְט זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע קִינְדֶער - אֲפִילוּ דִי גָאר פִּיצְלֶעךְ - צוּ בַּאקוּמֶען כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן.

אַרוּם אוּן אַרוּם זַיְינֶען גֶעשְׁטַאנֶען בָּחוּרִים אוּן עֶלְטֶערֶע חֲסִידִים וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעזוּנְגֶען פְרֵיילֶעכֶע נִיגוּנִים. פוּן מָאל צוּ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי בַּאוִויזְן מִיט זַיְין הֵיילִיקֶער הַאנְט אַז מֶען זָאל זִינְגֶען לֶעבֶּעדִיקֶער.

פִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער גֶעמִישְׁט וַויְין פוּן כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה מִיט נָאךְ וַויְין אִינְדֶערְהֵיים.

# פארברייגנס



שבָּת מְבָרְכִים, יוֹם טוֹב, חֲסִידִישֶׁע יָמִים טוֹבִים אוּן שְׁפֶּעטֶער אַלֶע שַׁבָּת, הָאט דֶער רֶבִּי פַארְבְּרַאכְט.

דִי צַיְיט פוּן פַארְבְּרֵיינְגֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ טַיְיעֶרֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט שִׂיחוֹת וֶועגְן פִּיל זַאכְן, צְווִישְׁן זֵיי: דִי פַּרְשָׁה פוּן דֶער וָואךְ, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מְקָרֵב זַיְין אִידְן צוּ תּוֹרָה וּמִצְווֹת אוּן מִבְצָעִים, צִבְאוֹת ה׳, דִי הַנְהָגָה פוּן אַ חָסִיד, הוֹרָאוֹת אִין עֲבוֹדַת ה׳ אוּן וֶועגְן גְאוּלָּה וּמָשִׁיחַ.

צְווִישְׁן שִׂיחוֹת הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען נִיגוּנִים אוּן חֲסִידִים הָאבְּן גֶעזָאגְט לְחַיִּים צוּם רֶבִּי׳ן. בַּיי גֶעוִויסֶע גֶעלֶעגְנְהַיְיטְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ ״מַאֲמָר״ אִין וֶועלְכְן עֶר הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט עִנְיָנִים אִין חֲסִידוּת. אַלֶע אָנְוֶועזְנְדֶע זַיְינֶען גֶעשְׁטַאנֶען בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מַאֲמָר.
וֶוען מִיר לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי׳נְס אַ שִׂיחָה אָדֶער אַ מַאֲמָר פַארְבִּינְדְן מִיר זִיךְ מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן.

# כינוסים (״ראליס״)



ווֶען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואָלְט רֵיידְן צוּ דִי קִינְדֶער, אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אַ כִּינוּס ״רַאלִי״ אִין 770. אַלֶע אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ יִינְגֶער פוּן בַּר אוּן בַּת מִצְוָה הָאבְּן זִיךְ פַּארְזַאמְלְט אוּנְטְן אִין בַּאזוּנְדֶערֶע טֵיילְן פוּן שׁוּל צוּזַאמֶען מִיט זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס (״טִיטְשֶׁערְס״) וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיְין אִין שׁוּל הָאט מֶען גֶעדַאוְונְט מִנְחָה. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן קִינְדֶערְלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם זְכוּת צוּ זָאגְן דִי י״ב פְּסוּקִים הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל. דֶער רֶבִּי אוּן אַלֶע פַארְזַאמְלְטֶע הָאבְּן נָאכְגֶעזָאגְט.

דֶער קִינְד וֶועלְכֶער הָאט גֶעזָאגְט דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק הָאט גֶעעֶנְדִיקְט מִיט אַ שְׁטַארְקְן ״יְחִי!״ וֶועלְכֶער אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַ שִׂיחָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אַ סַאךְ גֶעשְׁמֵייכְלְט בַּיי דִי כִּינוּסִים - סְפֶּעצִיעֶל צוּ דִי יִינְגְסְטֶע חַיָּילִים אִין צִבְאוֹת ה׳ - מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען ווִי טַיְיעֶר דֶער רֶבִּי הַאלְט זַיְינֶע יִינְגְסְטֶע חֲסִידִים.

(נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט הָאט עֶר בְּדֶרֶךְ כְּלַל אוֹיסְגֶעטֵיילְט ״דַיְים״ס אוֹיף צְדָקָה צוּ אַלֶע פַּארְזַאמְלְטֶע.)

# לעקאך




ל עקאך מֵיינְט אַ טָארְט
("קֵעיק") גֶעמַאכְט מִיט הָאנִיק.
עֶס אִיז אַ מִנְהָג צוּ בֶּעטְן
לֶעקַאח עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר.
דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז,
טָאמֶער מִן הַשָּׁמַיִם הָאט מֶען
גוֹזֵר גֶעוועֶן אַז אַ מֶענְטְשׁ
זָאל דַארְפְן בֶּעטְן, אִיז עֶר
יוֹצֵא מִיט דֶעם בֶּעטְן לֶעקַאח.

דֶער רֶבִּי הָאט פֶּערְזֶענְלִיךְ
אוֹיסְגֶעטֵיילְט לֶעקַאח צוּ
חֲסִידִים עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אוּן
גֶעווִיסֶע אַנְדֶערֶע צַייטְן אוּן
הָאט דֶערְבַּיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אַ גוּט יָאר. דִי וָואס הָאבְּן בַּאקוּמֶען לֶעקַאח פוּן רֶבִּי'ן
הָאבְּן עֶס שְׁפֶּעטֶער צֶעטֵיילְט צוּ מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְט ווֶעלְכֶע זַיינֶען נִישְׁט גֶעוועֶן
בַּיים רֶבִּי'ן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרִי. יֶעדֶער בְּרֶעקְל פוּן דֶעם רֶבִּי'נס לֶעקַאח אִיז טַייעֶר.

# די קינדער באַרואיגט



ווֶען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוועֶן אַ יוּנְגֶער אִינְגְל אִין נִיקָאלַאיֶעוו, הָאבְּן אַלֶע מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי רוּסִישֶׁע גוֹיִם.

סְפֶּעצִיעֶל ווֶען עֶס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אַ ״פָּאגְרָאם״ ווֶען דִי צֶעווִילְדֶעוועֶטֶע גוֹים זַיְינֶען אַדוּרְכְגֶעלָאפְּן דִי גַאסְן מִיט אַ רְצִיחָה שְׁלָאגְן אִידְן און בַּארוֹיעְן זֵיי.

אֵיין טָאג הָאט דִי רֶעבִּיצִין חַנָּה עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם גֶעהֶערְט אַז דִי גוֹיִם קוּמֶען אוֹיף אַ פָּאגְרָאם, הָאט זִי גֶענוּמֶען אִירֶעקִינְדֶער אִין א גֶעהֵיימֶער אָרְט וואוּ אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן.

דִי קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן גֶעווֵיינְט פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק און עֶס אִיז גֶעוועֶן אַ סַכָּנָה אַז דִי גוֹיִם ווֶעלְן דָאס הֶערְן און זֵיי גֶעפִינֶען. דִי מַאמֶעס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסט וָואס צוּ טָאן.

אֵיין אִינְגְל, קוֹים פִינְף יָאר אַלְט, אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי וויֵינֶענְדִיקֶע קִינְדֶערְלֶעךְ און מִיט אַ שְׁמֵייכְל הָאט עֶר זֵיי בַּארוּאִיגְט בִּיז זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט ווֵיינֶען. דֶער אִינְגְל אִיז גֶעוועֶן דֶער רֶבִּי.

# אין ים אריין

**א**ײן זומֶער אִיז דִי מִשְׁפָּחָה פוּן רֶבִּי'ן גֶעפָארְן אוֹיף דַאטְשֶׁע לֶעבְּן דֶעם בְּרֶעג יַם.

אֵיין טָאג, פַארְבַּיְיגֵייעֶנְדִיק דִי וַואסֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ גְרוֹיסֶער גֶעשְׁרֵיי: "אַ אִינְגְל דֶערְטְרִינְקְט זִיךְ!" אַ יוּנְגֶער אִינְגְל הָאט זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין אַ קְלֵיינֶער שִׁיפְל וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט ווּאו דֶער יַם אִיז טִיף.



גְלַיְיךְ אִיז אַרַיְינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין דִי וַואסֶער נָאךְ אַן אִינְגְל אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעשְׁווֹאוּמֶען אוּן הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם אִינְגְל.

דֶערְנֶענְטֶערְנְדִיק זִיךְ צוּ דִי וַואסֶער הָאט זִיךְ דִי רֶעבִּיצִין חַנָּה עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם דֶערְוואוּסְט אַז דֶער "הֶעלְד" אִיז גֶעוֶוען אִיר נַיְין יֶערִיקֶער זוּן - דֶער רֶבִּי.

# דער הונדערטער



ווֶען עֶס אִיז אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי צְווַייטֶע וֶועלְט קְרִיג, זַיְינֶען אַ סַאךְ אִידְן אַנְטְלָאפְּן פוּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם קַיין פְּרַאנְקְרַיְיךְ. צְווִישְׁן זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי אוּן דִי רֶעבִּיצִין חַיָּ׳ה מוּשְׁקָא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם.

דָארְטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוּ צוּ אַיְינְשְׁטֵיין. דִי אֵייגְנְטִימֶער פוּן דִי פְּרַאנְצוֹיזִישֶׁע הָאטֶעלְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זֵייעֶרֶע הָאטֶעלְן זָאלְן זִיךְ אָנְפִילְן מִיט אִידְן.

הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז טָאמֶער אֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וַוייְזְן אַז עֶר הָאט בַּיי זִיךְ הוּנְדֶערְט דָאלֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין צִימֶער. דִי מֶערְהַיְיט פוּן דִי אִידִישֶׁע ״פְּלֵיטִים״ הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי גֶעלְט, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ נֶעכְטִיקְן.

אֵיין אִיד הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אַ ״הוּנדֶערְטֶער״. אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס אוּן הָאט גֶעלִיעֶן דֶעם ״הוּנְדֶערְטֶער״ צוּ יֶעדֶער אִיד וָואס הָאט עֶס גֶעדַארְפְט כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען אַ צִימֶער אִין הָאטֶעל. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר צוּרִיקְגֶענוּמֶען דֶעם ״הוּנְדֶערְטֶער״ אוּן גֶעזוּכְט נָאךְ אַ אִיד וָואס דַארְף הִילְף. דֶער אִיד מִיטְן ״הוּנְדֶערְטֶער״ אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי.

# דער רבי האט אכטונג געגעבן



ווַיִיט אַוועֶק, אִין אוֹיסְטְרַאלְיֶע, הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בְּלִינְדֶע אִידִישֶׁע מֵיידְל. אִירֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִיר גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שׁוּלֶע (״סְקוּל״) פַּאר בְּלִינְדֶע קִינְדֶער.

דִי שׁוּלֶע אִיז גֶעוועֶן אַ גוֹיִישֶׁער אוּן דֶער גַּלָּח וואָס הָאט עֶס אָנְגֶעפִירְט הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ זִי וועֶט זִיךְ שְׁמַד׳ן אוּן וועֶרְן אַ גוֹיָ׳ה וועֶט זִי קֶענֶען קוּמֶען אוּמְזִיסְטֶערְהֵייט אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן וועֶלְן נִישְׁט דַארְפְן צָאלְן גֶעלְט.
אוֹיבּ נִישְׁט וועֶלְן זֵיי דַארְפְן צָאלְן אַ סַאךְ גֶעלְט אַז זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען אִין שׁוּלֶע.

אִירֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעפִילְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בְּרֵירָה. זֵייעֶר טָאכְטֶער וועֶט זִיךְ מוּזְן שְׁמַד׳ן אוּן וועֶרְן אַ גוֹיָ׳ה!

זִי אַלֵיין אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעוועֶן זִיכֶער אַז דָאס אִיז רִיכְטִיג, אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל אוּן הָאט גֶעדַאווְנְט אוּן גֶעבֶּעטְן בַּיִים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן א

# דער רבי האט אכטונג געגעבן

סִימָן און וַוִייזְן וָואס צו בַּאשְׁלִיסְן.

יֶענֶער מָאמֶענְט אִיז צו אִיר צוגֶעקוּמֶען אַ רָב. "אִיךְ זוּךְ עֶגִיפְּטִישֶׁע אִידְן וָואס דַארְפְן הִילְף", הָאט עֶר גֶעזָאגְט. "מַיְין פַּאמִילְיֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן מִצְרַיִם פִּיל יָארְן צוּרִיק", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט עֶרְשְׁטוֹינְטֶערְהֵייט, "און דו בִּיסְט דֶער סִימָן אוֹיף וֶועלְכְן אִיךְ הָאבּ גֶעדַאווְנְט, אִיצְטֶער ווֵייס אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף בְּלַיְיבְּן אַ אִיד! ווִי הָאסְטוּ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ דַארְף דַיְין הִילְף?"

הָאט דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל אִין נְיוּ יָארְק אִיז פַּארַאן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער רֶבִּי, וֶועלְכֶער דַאגֶה'ט וֶועגְן יֶעדְן אִידְן, עֶר הָאט מִיר אַהֶער גֶעשִׁיקְט צו אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי עֶגִיפְּטִישֶׁע אִידְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזוּכְט..."